# לאמיר אנהאלטן דעם 'חבל' מיטן מחשיב זיין אריגינעלע כלים

**מאמר השקפה**

פרשת משפטים

תשפ"ד לפ"ק

פרשת משפטים.

מיר זענען געוואוינט אנצוהויבן פרשת משפטים פון אנהויב, די שווערע סוגיות פון עבד עברי, אמה העברי', דיני עבדים, שור שנגח, ארבעה אבות נזיקין, ד' שומרים, אלעס שווערע סוגיות אין די ג' בבות, די פרשה האט דיקע בענדער אין שו"ע חושן משפט, פארצווייגטע סוגיות אין דיני ממונות.

וויבאלד די אלע סוגיות זענען אין די ערשטע האלב סדרה האט זיך פרשת 'משפטים' קונה שם געווען ביי קינד און קייט אלס א 'שרעקעדיגע' סדרה, עס ווארפט א פחד אויף די קינדער - פארצייטנס האט מען די וואך פארמאכט די גמרות, ווייל צו פארשטיין די 'והפדה רש"י' איז נאך היבש שווערער ווי סיי וועלכע גמרא די קינדער לערנען אין מס' ברכות אדער ביצה צי קידושין.

די אנגעצויגנקייט פון פרשת משפטים, איז עפעס וואס מאכט לייכטער ביי די קינדער אין חדר דעם 'משנכנס אדר מרבין בשמחה', פשוט, אז מ'האלט שוין נאך משפטים...

אבער דער אמת איז אז עס איז דא א צווייטע האלב פרשת משפטים, עטליכע שיינע פרשיות, בפרט צום סוף דער המשך פון די פרשה פון קבלת התורה, די גאנצע הכנה צו קבלת התורה וויאזוי אלעס איז צוגעגאנגען.

וויפיל קינדער בלייבן אייביג מיט'ן טעות אז 'נעשה ונשמע' שטייט אין פרשת יתרו, ווען באמת איז דאס גאר א פסוק אין פרשת משפטים.

צווישן די שיינע פסוקים סוף פרשת משפטים איז דער פסוק "ואל הזקנים אמר",משה רבינו האט זיך געוואנדן צו די זקנים, די זקני ישראל, און ער האט זיי געזאגט "איך גיי ארויף אין הימל אויף פערציג טעג כדי צו לערנען די תורה מפי הגבורה, "שבו לנו בזה עד אשר נשוב אליכם", בלייבט דא ביז איך קום צוריק.

"והנה אהרן וחור עמכם מי בעל דברים יגש אלהם". עס זענען דא אהרן וחור, עס זענען דא זקני ישראל, און יעדער וואס האט א סכסוך מיט'ן חבר, יעדער וואס דארף א דעת תורה, יעדער וואס מ'דארף שליכטן זיינע עסקים האט צו וועמען צו גיין, צו אהרן וחור, און צו די זקנים.

## אמאן מצלינן האידנא...

אין די ספרים הק' טרעפן מיר גאר אפט באנוצט די מליצה פון פסוק "ואל הזקנים אמר שבו לנו בזה, מי בעל דברים יגש עליהם". א בקשה צו די זקני העדה, די זקני שארית עמך בית ישראל "שבו לנו בזה", בלייבט דא מיט אונז, זייט צווישן אונז, ווייל "מי בעל דברים" יעדער וואס זוכט ווערטער פון התחזקות פון פריערדיגע צדיקים, יעדער וואס נויטיגט זיך אין חיזוק צו קענען אנגיין, יעדער וואס וויל זיך דערווארימען מיט אן אמת'דיג ווארט זאל קענען צוגיין צו זיי, מ'זאל קענען עפעס הערן, מ'זאל קענען עפעס מקבל זיין.

די אנשי כנסת הגדולה ווען זיי האבן מתקן געווען די ניינצן ברכות וואס יעדער איד בעט דריי מאל א טאג ביי שמו"ע, האבן זיי באשטימט א תפילה וואס מיר בעטן "על הצדיקים, ועל החסידים, ועל זקני שארית עמך בית ישראל, ועל פליטת סופריהם". אויב איז דאס א תפילה אין די שמו"ע איז א סימן אז דאס איז פון אונזערע סאמע וויכטיגסטע בקשות וואס פעלט זיך גאר שטארק אויס.

**"רבי שלום, איר גיבט אונז רשות אייך אנצוכאפן די האנט?!"... אויף זיין פארוואונדערונג, איז געווען די תשובה "איר האט דאך זיכער אסאך אנגעכאפט די האנט פון אייער טאטן ז"ל, וואספארא זכי' איז דאס פאר מיר בשנת תשפ"ב, כמעט 150 יאר נאך די הסתלקות פונעם דברי חיים צו אנרירן די האנט פון א איד וואס האט אנגעכאפט די האנט פון א איד וואס איז געלעגן על ברכיו פונעם קודש הקדשים מרן הדברי חיים"...**

יא, מיר מוזן וויכטיג האבן זקנים, מיר מוזן האבן עלטערע אידן צווישן אונז, אויב אין די פריערדיגע דורות האט מען אלעמאל געוואוסט און פארשטאנען די וויכטיגקייט פון די 'זקני ישראל', איז דאס פילפאכיג וויכטיגער אין אונזער היינטיגער דור יתום, ווען מיר האבן שוין ליידער גארנישט פונעם פריערדיגן דור, מיר האבן שוין נישט צווישן אונז קיין 'אויגן וואס האבן געזען אויגן', וואס האבן נאך געזען פריערדיגע צדיקי אמת.

פארגאנגענעם זונטאג אינדערפרי' איז ארויס די שמועה הלא טובה היא כי באה, איבער צווי שווערע פארלוסטן וואס דאס יהדות החרדית אין ניו יארק האט געליטן, צווי טייערע אבידות וואס מ'קען דערויף זאגן 'לדורו אבד', ביידע זענען גאר טייערע פארלוסטן וואס קומט נישט אונטער פרישע אין זייער גלייכן.

דאס ערשטע האט מען געהערט פון בארא פארק, איבער די פטירה פון הרבני החסיד הישיש רבי שלום באכנער עליו השלום, א איד, א זקן בן מאה, מזקני חסידי באבוב, וואס איז נפטר געווארן.

דאס אליין וואלט אפשר נאכגישט געווען אזא נייעס, מיר הערן דאס ליידער גענוג אין די לעצטע יארן אז אידן אין טיפן עלטער ווערן נסתלק, אדרבא, זיי האבן זוכה געווען צו א ברכה פון אריכות ימים ושנים, בפרט ר' שלום איז געווען ביז לעצטנס בצלילות הדעת, ער האט ליב געהאט צו לערנען און עוסק זיין בתורה, אה, שיינע לעכטיגע עלטערע יארן.

מיט ארום אנדערטהאלבן יאר צוריק האבן מיר באזוכט ביי רבי שלום ע"ה אין זיין באנגעלא אין די דרויסנדיגע געגנטער פון קרית יואל, עס איז געווען געשמאק צו הערן זיינע זכרונות פון אזעלכע צדיקים וקדושים ווי הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל פון ראצפערט זלה"ה, הרה"ק רבי ישעי'לע טשעחויבער זלה"ה – וואס במשך א תקופה איז ער געווען ביי אים ממש מדי יום ביומו – און זיינע לעכטיגע יארן בצילו פון כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל קדושת ציון מבאבוב זלה"ה, זיין הסתופפות בצ"ק פון הרה"ק רבי פיניע'לע מאויסטילא זלה"ה, הרה"ק רבי אלעזר אושפיצינער זלה"ה. ער האט דערציילט אזעלכע בא'טעמ'טע זכרונות וואס נאר א חסיד'ישער איד, א שריד לדור דעה קען דאס אזוי ארויסגעבן.

**זיין אויסטערלישע זהירות בכבוד הבריות, ווען קיינמאל האט נישט געקענט פאסירן אז ער זאל מבזה זיין א בחור, ארייגעבן א פסק פאר א בחור ברבים, אדער בעצם געבן א געפיל פאר א בחור ברבים אז ער האט נישט געקענט, נאר ער האט געהאט קונצליכע אופנים וויאזוי ער האט מאנעווערירט ווען אימער ער האט געזען א בחור וואס איז נישט בתוך העניינים, צו גיין ווייטער אנעם מאכן אן איבריגע ווען.**

אבער וואס עס האט אונז געגעבן א טרייסל איז געווען ווען ער האט דערציילט אז זיין פאטער הרב החסיד רבי אלי'ש ז"ל הי"ד האט באקומען דעם נאמען ביים בריתו של אאע"ה דורכ'ן הייליגן דברי חיים זללה"ה. און אז זיין פאטער איז שוין געווען א אינגל כמעט בר מצוה ביי די הסתלקות פונעם הייליגן דברי חיים בשנת תרל"ו.

מיט התרגשות האבן מיר אים געפרעגט "רבי שלום, איר גיבט אונז רשות אייך אנצוכאפן די האנט?!"... אויף זיין פארוואונדערונג איז געווען די תשובה "איר האט דאך זיכער אסאך אנגעכאפט די האנט פון אייער טאטן ז"ל, וואספארא זכי' איז דאס פאר מיר בשנת תשפ"ב, כמעט 150 יאר נאך די הסתלקות פונעם דברי חיים צו אנרירן די האנט פון א איד וואס האט אנגעכאפט די האנט פון א איד וואס איז געלעגן על ברכיו פונעם קודש הקדשים מרן הדברי חיים"...

אזא נאנטער קשר צום הייליגן צאנזער רב האט געלעבט צווישן אונז ביז היינטיגן כ"ה שבט תשפ"ד.

אויב צדיקים האבן געזאגט "וואויל זענען אויגן וואס האבן געזען אויגן", האבן מיר אויך געהאט "א האנט וואס האט אנגעהאלטן א האנט"...

לאמיר זיך נישט אומריכטיג פארשטיין.

דאס איז נישט בלויז א סימבאלישע אבידה, א היסטארישע פארלוסט, אז אזא זעלטענער איד איז אוועק גענומען געווארן פון אונז. עס איז א טיפער דערהער אז מיר האבן נאך געהאט א איד וואס האט במציאות נענטער געברענגט אונזער דור יתום צום לעכטיגן דור קיין צאנז. "מיין טאטנס סנדק איז געווען דער הייליגער צאנזער רב", עס איז געווען א בריק, א 'שארט-קאט' פון די אריכות הדורות גלייך צום הייליגן דברי חיים. און אצינד האבן מיר דאס שוין אויך נישט.

ווי מ'זאגט א טייטש אויף די ווערטער "חבל על דאבדין", עס איז א שאד אויפ'ן 'חבל' אויפן שטריק וואס איז פארלוירן געווארן, דער שטריק וואס האט אונז אנגעהאלטן, דער שטריק וואס האט אונז מקשר געווען צום אמאל, דאס וואס האט אונז געהאלטן פארבינדן צום גלאררייכן עבר, 'ולא משתכחין' דאס טרעפט זיך נישט מער.

דאס דארף אונז קאסטן א טרער, מיט עטליכע מינוטן התבוננות נאך אזא אבידה.

## דער שאגת ארי' וואס איז שטיל געווארן

די צווייטע שווערע בשורה וואס האט אונז באטראפן פארגאנגענעם זונטאג אינדערפרי איז ענדערש אין די בקשה פון "על פליטת סופריהם", מיט די פלוצים'דיגע פטירה פון הגה"ח מגיד משרים רבי ארי' לייבוש הכהן וויינפעלד ז"ל.

עס איז אזוי שווער צו שילדערן דעם פילפארביגן מהות פון רבי לייבוש, אז עס זאל זיך פארשטיין די טיפקייט פון די אבידה, און פארוואס דער היימישער ציבור האט דא פארלוירן א גאר אייגנארטיגע אבידה.

רבי לייבוש איז גראדע נישט פאררעכנט געווארן פאר א זקן, ער איז געווען הגיע לשנותיו של אביו ז"ל, זיין פאטער איז אוועק ביי די 75 יאר מיט ארום 30 יאר צוריק, דעמאלטס האט דאס געהייסן אן עלטערער איד. כהיום הזה איז רבי לייבוש אוועק אינעם זעלבן עלטער, אבער לויט'ן היינטיגן באגריף איז דאס אין זיינע שענסטע בליענדע יארן.

רבי לייבוש ז"ל איז געווען א זעלטענער איש האשכולות, א כרכא דכולא בי', א מח נפלא, א בעל זכרון, א בעל תפילה מיט א בקיאות אין נוסחאות, א מגיד מישרים מיחידי סגולה, א בעל מחדש נפלא, און א זיסער געשמאקער איד וואס יעדע מינוט צו פארברענגען אין זיין סביבה איז באמת געווען אן עונג רוחני.

אבער אויסער זיינע כשרונות וואס זענען געווען א מתנה מן השמים איז ער אליין געווען א זעלטענער טיפ. א איד 'א בעל הבית', ער האט כל ימיו שווער געארבעט פאר פרנסה, ביז זיינע לעצטע תקופה ווען ער האט אנגעהויבן צו ליידן מיחושים אויפ'ן הארץ ל"ע איז ער געפארן טעגליך צו דער ארבעט, און כל ימיו פארדינט זיין ברויט ביגיעת כפיים.

מאידך גיסא איז ער געווען א תלמיד חכם מופלג. פון זיינע בחור'ישע יארן ועד יומו האחרון איז ער געלעגן אין לערנען ראשו

ורובו, עס איז געווען תורתו קבע ומלאכתו עראי, ער איז געווען פון די 'עומדים בבית ה' בלילות', ער האט יעדן פארטאגס געלערנט שעות ארוכות גמרא תוספות בעיון. הערשט נאכדעם איז ער געווען פון די קביעות'דיגע רייזענדע מיט'ן 'ערשטן באס' וואס איז אריינגעפארן פון קרית יואל קיין מאנהעטן.

דער פארנומענער 'בעל הבית' איז געווען דער ליבלינג ביי זיינע גרויסע רבי'ס מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זללה"ה, און דער וויליאמסבורג-סאטמארער דיין כ"ק הגה"צ רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן זצ"ל, דעמאלסדיגער סיגוטער ראש ישיבה. ולהבחל"ח איז ער געווען א חברותא וריע דבוק מאח מיט כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר שליט"א, א חברותא וואס האט זיך אנגעהויבן בימי בחרותם און אנגעהאלטן עד זיבולא בתרייתא. ווען כל שיחו ושיגו איז אלעמאל געווען אין לערנען, זיין מח האט אלס געפיבערט מיט חידושי תורה, און אלעמאל איז ער געווען פון די סארט תלמידי חכמים וואס 'שואלין אותו בכל מקום ועונה'.

עס דערציילט אונז א איד אז מיט יארן צוריק זעט ער רבי לייבוש זיך ארויסשלעפן פון ספרים סטאר מיט צוויי שווערע זעקלעך ספרים, אויף זיין פראגע זאגט אים רבי לייבוש "די ישיבות הייבן יעצט אן צו לערנען גיטין, כ'האב איינגעקויפט ארום צוואנציג פרישע ספרים אויף די מסכת"...

און נאכאמאל, ער איז נישט געווען קיין מגיד שיעור און נישט קיין ראש ישיבה, ער איז געווען א בעה"ב וואס האט ליב געהאט זיך צו מאטערן אויף שווערע סוגיות הש"ס און דאס האט ער געטון כל ימי חייו, זאל דאס זיין אלס בחור אין סיגוט און שפעטער אין סאטמאר, זאל דאס זיין אלס אינגערמאן אין קרית יואל וואו ער איז געווען פון די 'פורניטשור' אין ביהמ"ד הגדול, אדער אין די שפעטערע יארן ווען ער האט געוואוינט אין וויליאמסבורג און זיך מסדר געווען אין כולל 'מעורר השחר', וואו ער איז געזעצן מיט חברותות יעדן פארטאגס און זיך דארט ממית געווען באהלה של תורה מיט אינגעלייט וואס וואלטן געקענט זיין זיינע אייניקלעך.

אה, זיין קול נעימות התפילה... אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל האט מען זיך געווערטלט אז רבי לייבוש הערט מען אלעמאל א גאנצן דאווענען, מ'דארף נאר קוקן צי ער שטייט ביים עמוד אדער ער זיצט אויף זיין פלאץ...

לא נתנשי מינך, עס וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן דער "אז ביום השביעי נחת" מיט'ן אייגנארטיגן נוסח יעדן יום הקדוש ביינאכט וואס רבי לייבוש האט אראפגעלייגט; עס וועט נישט פארגעסן ווערן דער קול שאגת ארי' יעדן ראש השנה ווען רבי לייבוש האט זיך אויפגעשטעלט ביים ארון הקודש מאכן דעם אפיל פאר'ן מבצר הכוללים; יעדן מיטל-נאכט סוכות ווען ער האט געמאכט דעם אפיל פאר'ן גמ"ח מהרי"ט באגלייט מיט א הערליך שטיקל לומדות לכבוד יו"ט; און אזוי ווייטער די אלע דרשות ביי אלע מסיבות און ביי יעדע מאורע וואו מ'האט געהאט די געלעגנהייט אים צו הערן.

און ווי קען מען אויסלאזן און נישט דערמאנען די לאנגע יארן וואס ער איז געווען דער אפיציעלער 'בוחן' אין די ישיבה קטנה אין קרית יואל. ער איז געלעגן אויסגעקאכט טיף בעמקות אין יעדע סוגיא נישט וויניגער ווי די ראשי ישיבה וואס האבן דאס פארגעלערנט די גאנצע וואך. זיינע שאלות קולע אל השערה וואס האט אריינגעברענגט א חיות און א לעבן אין די בחורים.

אבער עקסטער דערציילן די דעמאלטסדיגע תלמידים נפלאות איבער זיין אויסטערלישע זהירות בכבוד הבריות, ווען קיינמאל האט נישט געקענט פאסירן אז ער זאל מבזה זיין א בחור, אריינגעבן א פסק פאר א בחור ברבים, אדער בעצם געבן א געפיל פאר א בחור ברבים אז ער האט נישט געקענט, נאר ער האט געהאט קונצליכע אופנים וויאזוי ער האט מאנעווירט ווען אימער ער האט געזען א בחור וואס איז נישט בתוך הענינים, צו גיין ווייטער אנעם מאכן אן איבריגע וועזן.

מאת ה' היתה זאת, אז מיר האבן באזונדער זוכה געווען צו קולט זיין מחנותו של בושם, אין די לעצטע יארן האבן מיר פארברענגט מיט רבי לייבוש הונדערטער שעות, מיר האבן נהנה געווען מאוצרו אומצאליגע שמועות טובות, ווען יעדע ענין, יעדע מעשה, אלעס גייט באגלייט מיט א דערהער פון א תלמיד חכם, צריכה לימוד. ער האט געהאט א מהלך וויאזוי ער האט יעדע זאך אפגעלערנט און אויסגעטייטשט על פי דרכו, און דאס זיצן במחיצתו אדער שמועסן אויפ'ן טעלעפאן איז יעדע מינוט באמת געווען א שעה של קורת רוח, וואס אין לנו תמורתה.

**יא, מיר האבן היינט הערליכע ש"ס'ן, מיט ביאורים און ליקוטים, מיר האבן ספרי תולדות והיסטאריע, אויף יעדע נושא איז דא א ליקוט מסודר, מ'דארף גארנישט נאכקוקן, מ'האט 'אוצר החכמה', כל התורה כולה על רגל אחת. עס איז זייער גרינג צו זיין א תלמיד חכם און אפילו א גאון. יעדער בעל כשרון קען זיין א 'מאלטי פאנקשאן' גאון אויף א לייכטן אופן.**

דאס איז אונזער טרער אויף די אייגנארטיגע 'פליטת סופריהם', דער הערליכער אוצר וואס מיר האבן דא אנגעוואוירן. חבל על דאבדין.

## איז טאקע 'איכשר דרא'

אבער לאמיר גיין א שטאפל טיפער אין די סוגיא פון 'ואל הזקנים אמר שבו לנו בזה'.

מיר לעבן היינט אין א דור ווען מ'האט ליב צו זאגן 'איכשר דרא', און ארויסהייבן מיט וויפיל שענער און בעסער מיר זענען קעגן די פריערדיגע דורות.

מצד אחד איז דאס אן אמת, עס איז היינט דא א מעגליכקייט צו מקיים זיין מצות בהידור רב פילפאכיג מער ווי אמאל. די שפע רב, די טעכניק, און דער מציאות העולם האט אסאך ארויסגעהאלפן דערין. עס איז היינט דא פראצענטועל א ריזיגע מערהייט לומדי ועוסקים בתורה קעגן אמאל. כהיום הזה זענען דא

מער מסיימי ש"ס וד' חלקי שו"ע ווי סיי ווען אינעם עבר. עס זענען דא איבער די וועלט אזויפיל טויזנטער ערליכע אינגעלייט, עובדי ה', וועלכע זענען זיך ממית באהלה של תורה, אידן מבקשים, אידן וואס קרבת אלקים יחפצון, און זענען כסדר פארנומען מיטן זוכן און קאכן לעשות נחת רוח להשי"ת.

אבער... עס איז דא נאך א בליק אין דעם ענין.

מרן רביה"ק מסאטמאר זללה"ה האט אמאל גזאגט ווען ער האט געהערט עמיצן זאגן 'איכשר דרא', "חכמינו ז"ל איבעראל ווען זיי דערמאנען דעם מושג איכשר דרא' איז עס בלשון בתמיהה 'וכי איכשר דרא?', ווייל ביי די הייליגע חכמים איז געווען א דבר פשוט אז די דורות האחרונים קענען נישט זיין בעסער פון די דורות האחרונים".

ביי א געלעגנהייט איז אויסגעקומען דאס ארויסצוברענגען מיט א משל.

געווען איז דאס מיט ארום 25 יאר צוריק, ווען מיר האבן עוסק געווען אין דער עבוה"ק אין די תלמוד תורה אין קרית יואל, איז דאן געווען דארט א קאָפּיע-מאשין משנות קדם. דער מאשין האט געקענט טון איין זאך 'מאכן קאָפּיס'... מיר האבן זיך באנוצט מיט די מאשין אריבער 20 יאר, דאס איז אויסער די יארן וואס דער מאשין האט שוין געדינט פריער.

ווען עס איז געקומען זיין צייט והלך למנוחתו האט מען געקויפט א נייע מאשין, מער פארגעשריטן, 'מאלטי פאנקשאן', עס מאכט קאָפּיס, דאבל-סיידעד, מערערע און שנעלער, עס האט א 'סקענער' און נאך א ריי קנעפלעך וואס מיר ווייסן נאך עד היום נישט למה אלו משתמשות. איז אבער דער מציאות אז אין די לעצטע פאר יאר האט מען שוין 2-3 מאל געדארפט קויפן א נייע.

פארוואס?! ווייל די אמאליגע מאשינען זענען טאקע געווען בלויזע קאָפּיע-מאשינען, אבער עס איז געווען אן אמת'ע געבויעטע ארגינעלע כלי. די היינטיגע מאשינען זענען טאקע פילפאכיג מער סאפיסטיקירט, אבער עס איז ריסייקלט, פלעסטיק, שוואך געמאכט, און צוברעכט זיך יעדן שני וחמישי.

הוא הדין בשטריימלעך וואס מ'פלעגט אמאל גיין מיט איין שטריימל צוואנציג יאר, און היינט האלט עס קוים פינף יאר, והיינו טעמא אויף נאך צענדליגער חפצים און פראדוקטן אין אונזער גאנצער הלך ילך.

והוא הדין מיט אונזער 'איכשר דרא'דיגער דור.

יא, מיר האבן היינט הערליכע ש"ס'ן, מיט ביאורים און ליקוטים, מיר האבן ספרי תולדות והיסטאריע, אויף יעדע נושא איז דא א ליקוט מסודר, מ'דארף גארנישט נאכקוקן, מ'האט 'אוצר החכמה', כל התורה כולה על רגל אחת. עס איז זייער גרינג צו זיין א תלמיד חכם און אפילו א גאון. יעדער בעל כשרון קען זיין א 'מאלטי פאנקשאן' גאון אויף א לייכטן אופן.

אזוי ווי עס תורה'ער זיך אזוי עבודה'עט זיך...

מיר האבן שארט-קאט'ס צו אלע מהלכים אין עבודת השם, עס זענען דא משפיעים יעדער לויט זיין געשמאק, מ'קען זיך וועלן לויטן טעיסט, און מ'קען אויך טוישן לויט די מאמענטאלע גיסטע. 'ברעסלב מיקסט חב"ד', 'ליטוויש מיקסט קבלה', ברייטקייט מיט צמצום, און אזוי אויך פארקערט, אלע שבילי דרקיע זענען אפן פאר יעדן לויטן געשמאק.

יא יא, מיר האבן 'מאלטי פאנקשאן' מאשינען, אבער כאשר בא כן ילך, כבלעו כך פלטו.

אונזערע אמאליגע תלמידי חכמים זענען געוואקסן תלמידי חכמים דורכ'ן זיך צוברעכן יעדעס ביינדל אויף עמל ויגיעת התורה. זיי האבן געדינט דעם אויבערשטן מיט א אויסגעוויינטן תהילים'ל און עבודת ה' בין תנור לכיריים. דאס איז געווען ארגינעלע אמת'דיגע שטארקע כלים. דאס האט גאר א שטארקע ווערד, און דאס איז אסאך שטארקער אויסגעבויט.

> **אונזערע אמאליגע תלמידי חכמים זענען געוואקסן צו וואס זיי זענען אנגעקומען דורכ'ן זיך צוברעכן יעדעס ביינדל אויף עמל ויגיעת התורה. זיי האבן געדינט דעם אויבערשטן מיט א אויסגעוויינטן תהילים'ל און עבודת ה' בין תנור לכיריים. דאס איז געווען ארגינעלע אמת'דיגע שטארקע כלים. דאס האט גאר א שטארקע ווערד, און דאס איז אסאך שטארקער אויסגעבויט.**

היינט זוכט מען ריסייקלט און פלעסטיג מהלכים אין תורה אין עבודה, מ'האט שארט-קאטס, מ'האט מיקסט, מ'באשטעלט אלעס מיט א קארטל... יא יא, עס איז אלעס פיין און וואויל, אבער עס האלט אזוי לאנג ווי די נייע קאפיע מאשין...

אז מיר שטייען נאך די פטירה פון אזא תלמיד חכם ווי רבי לייבוש לאזט זיך מתבונן זיין אין דעם פארצייטישן מהות. א בעל הבית, וואס איז דבוק אין תורה, אבער נישט אזא "מסיים ש"ס" מדי יום ביומו... אזא "אוצר החכמה" ידען, אזא אויבערפלעכליכער קונה פון אומעטום, נאר אויפ'ן פארצייטישן אופן פון 'קוועטשן די באנק', הארעווען מיט א יגיעה עצומה אויף יעדע רש"י.

רבי לייבוש ז"ל איז געווען א סעמפל פון אן ארגינעלער סאטמארער תלמיד, א בעל הבית א בן תורה, א איד וואס איז געווען מלא וגדוש אבער אלעס וואס ער האט איינגעקויפט איז געקומען מיט א יגיעה עצומה, און זיינע קנינים זענען געווען קנינים נצחיים.

מיר דארפן נעמען די תפילה "ועל זקני שארית עמך בית ישראל, ועל פליטת סופריהם", און מקונן זיין על האי שופרא דבלע בארעא, אויף די טייערע אוצרות וואס מיר פארלירן, און עס איז חבל על דאבדין, ווייל עס איז 'ולא משתכחין'.